# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
**ספר אוצר השבת**
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## מצות קידוש

### זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ, זָכְרֵהוּ עַל הַיַּיִן

**די** גמרא זאגט [פסחים ק"ו] אז די חכמים האבן גע'דרש'נט פון דעם פסוק זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ - דו זאלסט דערמאנען דעם טאג שבת אים צו הייליגן מיט א הייליגקייט און מיט א גרויסקייט, סיי ביים אריינקומען און סיי ביים ארויסגיין מיט לויב ווערטער ארויסצוברענגען די גרויסקייט פון דעם טאג מער פון די וואכנדיגע טעג פון פאר און נאך שבת.

**די** חכמים זאגן אז די לויב ווערטער זאל מען מיט ווין געדענקען צו הייליגן דעם שבת, סיי פרייטאג צונאכטס, און סיי מוצאי שבת, דורך מאכן קידוש און הבדלה.

**דער** חינוך שרייבט אז דער טעם פון די מצוה איז: כדי מען זאל דערוועקט ווערן דורך דעם צו געדענקען די גרויסקייט פון דעם שבת, און עס זאל איינגעווארצלט ווערן אין אונזערע הערצער די אמונה אז הקדוש ברוך הוא האט אין זעקס טאג באשאפן די גאנצע וועלט, און דעם זיבעטן טאג האט השם יתברך גערועט. דעריבער זענען מיר באפוילן געווארן צו מאכן דעם דערמאנונג מיט ווין, ווייל די טבע פון ווין איז, אז דאס איז מעורר דעם מענטש און דערפרייט זיין הארץ, דורך דעם ווערט דער מענטש דערוועקט צו געדענקען צו הייליגן דעם שבת. חינוך מצוה ל"א

**שבת** האט נאר איין באזונדערע מצות עשה - די מצוה פון קידוש, וואס איז צו הייליגן דעם שבת וועלכע איז אן עדות אז השם יתברך האט באשאפן דער וועלט אין זעקס טעג.

**שלחן הטהור מאמרי שבת קודש**

### קידוש מאכט דעם שבת הייליגער

**די** חז"ל דרש'ענען אז מען דארף הייליגן דעם שבת ווען דער שבת קומט אריין, כאטש דער שבת איז שוין געהייליגט געווארן אין הימל דורך השם יתברך. פונדעסטוועגן, דורכדעם וואס דער מענטש מאכט קידוש, ווערט דער שבת נאכמער געהייליגט. יעדער איד הייליגט דעם שבת לויט זיין בחינה, לויט וויאזוי ער האט זיך אנגעגרייט דערצו די גאנצע וואך, ווי עס שטייט אין ספר רֵאשִׁית חָכְמָה [שער הקדושה פ"ז]. לויט וויפיל מער ער הייליגט דעם שבת וועט ער זוכה זיין צו שפירן א העכערן טעם פון דעם קדושת השבת, און ווי אויך וועט זיין היטן דעם שבת דורך דעם ווערן אויף א העכערן אופן.

**חידושי תורה פ' אמור דף רל"ג**

### ווי דערהויבן ווערן מיר בשעת קידוש

**דער** עיקר מצות קידוש איז פרייטאג צונאכטס תיכף ווען דער שבת קומט אן. דער ענין פון קידוש מאכן לערנען די חז"ל ארויס פון דעם פסוק זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ , אבער די מידה פון זכור איז דאך דער מידה פון שבת בייטאג [פרייטאג צונאכטס איז דער מידה פון שמור], וואלט מען דאך לויט דעם טעם געדארפט הערשט קידוש מאכן שבת בייטאג, און נישט פרייטאג צונאכטס? נאר דער טעם איז, ווייל תיכף ווען דער שבת קומט אן זעהט מען בחוש אז יעדער איד שפירט דעמאלטס א העכערע דערהויבנקייט וואס ער שפירט נישט במשך דעם גאנצן שבת. דאס איז ווייל ביים אנהייב שבת איז מען משפיע פון הימל אז עס זאל קומען צו אים אלע זיינע הויכע מדריגות וואס ער גייט זוכה זיין צו דערשפירן במשך דעם שבת, וואס דאס דערהייבט אים גאר הויך. אבער באלד דערנאך פארלירט מען די הויכע מדריגות - מען נעמט דאס צו פון הימל כדי דער מענטש זאל דארפן פון זיך אליין זיך צוביסלעך דערהייבן אז ער זאל שטייגן צו א העכערע מדריגות, ביז ער וועט זוכה

זיין צו די אלע הויכע מדריגות וואס ער האט געשפירט אנהייב שבת.

**די** זעלבע בחינה שטייט אויך אין די ספרים, אז פסח אויף דער נאכט קומען הויכע מדריגות צו יעדן איד, וואס מען נעמט דערנאך אוועק פון דעם מענטש, און דעריבער דארף דער מענטש הארעווען צווישן פסח און שבועות צו שטייגן אין מדריגות, כדי ער זאל זוכה זיין צו צוריקבאקומען די אלע הויכע מדריגות וואס ער האט זוכה געווען פסח אויף דער נאכט.

**דער** טעם פארוואס אלע מדריגות קומען צו דעם מענטש קודם אויף איינמאל, איז כדי דער רושם זאל שוין זיין ביי דעם מענטש, און אזוי וועט אים גרינגער זיין בייצוקומען דעם יצר הרע און אנקומען צו די הויכע מדריגות.

**דעריבער** האבן די חז"ל מתקן געווען אז מען זאל מאכן קידוש דוקא פרייטאג צונאכטס, אנהייב שבת, ווייל דעמאלט זענען אידן זוכה צו אלע זייערע מדריגות וואס מען קען זוכה זיין צו דערשפירן גאנץ שבת.

**דאס** קען זיין דער טעם פארוואס פאר קידוש זאגן מיר פאר די מלאכים 'צאתכם לשלום', ווייל עס איז באקאנט אז דער וואס איז מענג דעם שבת איז זוכה צו ירש'ענען דעם נחלת יעקב, וואס ביי יעקב אבינו טרעפן מיר דעם ענין, אז ווען ער האט זוכה געווען צו די מדריגה פון נבואה בשעת ער האט גע'חלום'ט אז די מלאכים גייען ארויף און אראפ דעם לייטער, זענען זיך צוזאם געקומען אלע זיינע הויכע מדריגות וואס ער האט זוכה געווען פון דעמאלטס ביינאכט ביז זיין לעצטן טאג פון זיין לעבן, און עס האט אים דעמאלטס נישט אויסגעפעלט מלאכים וואס זאלן אים היטן, ווייל ווען אלע זיינע מדריגות זענען געווען אויף איינמאל ביי אים איז ער אליין געווען העכער פון מלאכים.

**דאס** ענליכע בחינה איז שייך ביי יעדן איד בשעת ער מאכט קידוש פרייטאג צונאכטס, אז ער ווערט אזוי הויך און דערהויבן אז עס פעלט אים דעמאלטס נישט אויס קיין מלאכים אים צו היטן, דעריבער זאגט מען פאר די מלאכים צאתכם לשלום.

**נאר** קודם זאגן מיר בואכם לשלום, וברכוני לשלום, אז מיר זאלן זוכה צו די הילף פון די מלאכים וואס זאלן אונז העלפן צוצובערענגן צו די מדריגה, אזויווי די מלאכים וועלכע האבן באגלייט יעקב אבינו ביז צו די נבואה פון זיין חלום.

**שם משמואל פ' ויצא תרע"ה**

**די** גמרא [פסחים ק"א] דערציילט אז רב ענן איז אמאל געווען פאר שמואל, און שמואל איז אראפגעקומען פון דעם צווייטן שטאק אויף דער ערד, און דעמאלטס האט ער געמאכט קידוש, ווייל ער לערנט אז אֵין קִידּוּשׁ אֶלָּא בְּמָקוֹם סְעוּדָה, דאס מיינט, אז מען איז נישט יוצא קידוש, נאר אויב מען עסט תיכף נאך קידוש אויף דעם זעלבן פלאץ ווי מען האט געמאכט [אדער געהערט] קידוש.

**זאגט** דער תפארת שלמה אז מען קען זאגן בדרך רמז אז פרייטאג צונאכטס בשעת שמואל האט געדאווענט קבלת שבת האט ער געהאט התפשטות הגשמיות, ער האט געשוועבט אין די העכערע הימלען, אבער דערנאך איז ער אראפגעקומען פון די הויכע הימלען צו א נידריגע מדריגה כדי ער זאל נישט זיין העכער פון די מענטשן וועלכע זענען געקומען הערן זיין קידוש.

**דאס** קען זיין א רמז איז די גמרא אֵין קִידּוּשׁ אֶלָּא בְּמָקוֹם סְעוּדָה, די מצוה פון קידוש קען נאר זיין ווען מען איז צווישן די מענטשן וועלכע עסן לשם קדושת שבת, ווייל די עבודה איז גרעסער פון די עבודה פון די מלאכים אין הימל.

**תפארת שלמה שבת קודש ד"ה אמר רב ענן**

**יעדן** שבת בשעת מען מאכט קידוש באקומט די נשמה יתירה א העכערע ליכטיגקייט וואס איז דער סוד פון עולם הבא, דורך די שפע וואס קומט אראפ פון הימל אויף דער וועלט.

**תורת חיים סנהדרין צ"ז**